

# קלוגע זקנים

בלייבט באהיטן – נעמט קאנטראל – קעמפט צוריק

## טייערע ניו יארקער,



**אטוירני דזשענעראל פון ניו יארק לעטישע דזשעימס**

צו זיין א קלוגער קאנסומער פארלאנגט זיך צו האבן די געצייג זיך זעלבסט צו באשיצן פון שווינדל און אויסנוצונג 'אביוז'. צום באדויערן, זענען פארהאן א סאך וועגן וויאזוי כיטערע שווינדלער און אנדערע קרימינאלן עררייכן אריינטריט אין אייערע געשעפטן: דורכ'ן טעלעפאן, דורך די אינטערנעט, און צומאל אין אייער אייגענע היים. זייער א סאך פון זיי מאכן זיך א געוואוינהייט צו צילן זייער שטיק אויף עלטערע מענטשן.

דעם ביכעלע האט מיט איר ציל אייך צו העלפן אפשטעלן כיטערע שווינדלער און 'אביוזערס' איידער זיי באפאלן אייך, דורך אייך האלטן אינפארמירט פון אייער רעכטן און ארויס שטעלן די שריט וואס איר קענט נעמען צו באשיצן אייערע פארמעגנס און אייער געזונט.

אנגעהויבן פון מאכן קלוגע איינקויף באשלוסן און אויסגעלאזט ביי פלאנירן אייער העלטה קעיר – אנגעהויבן פון דערקענען פארברעכנס און אויסגעלאזט ביי וואוסן וויאזוי עס צו באקעמפן, איז וויכטיג אז איר זאלט וואוסן וואס עס זענען די בעסטע וועגן וויאזוי זיך זעלבסט צו באשיצן.

איינס פון די סאמע וויכטיגסטע פונקציעס פון אונזער אפיס איז צו באשיצן ניו יארקער איינוואוינער פון שווינדל און אויסנוצונג 'אביוז'. אויב איר קלערט אז איר אדער איינער וועמען איר קענט איז געפאלן א קרבן, רופט אונז אן. מיר האבן אויספארשער און פראקוראר וועלכע ספעציאליזירן זיך אין באקעמפן 'קאנסומער' שווינדל, נאכלעסיגקייט און אויסנוצונג 'אביוז', וויאויך פראבלעמען אין דעם העלטה קעיר סיסטעם. מיר וועלן פרובירן צו ענטפערן אייערע פראגעס און אייך צו-שטעלן די הילף וואס איר ברויכט.

**מיט שעצונג,**



# אינהאלט טאבעלע

I.פון וואס א שווינדל באשטייט ..................................................... 5
II.אפטמאליגע שווינדלערייען ..................................................... 7
III.אינטערנעט זיכערהייט ..................................................... 14
IV.אידענטיטעט גניבה ..................................................... 17
V.וואוילטעטיגקייטן ..................................................... 22
VI.אויסנוצונג און נאכלעסיגונג פון זקנים ..................................... 24
VII.מעדיקעיד פעלשעריי קאנטראל יוניט ..................................... 27
VIII.נעמט קאנטראל פון אייערע פינאנצן; אייער געזונט ................. 29
IX.מיטלען ..................................................... 33

שווינדל און אויסנוצונג ׳אביוז׳ אקעגן עלטערע מענטשן נעמט אן פילע וועגן און פארמען. עס לויפט פון היים פארבעסערונג ׳האום אימפראוומענט׳ בלאפערייען ביז מעדיקעיד שווינדל, און אזוי ווייט ווי פיזישע פייניגונג ׳פיזיקל אביוז׳ (physical abuse). עס קאסט פאר די קרבנות נאענט צו 3 ביליאן דאלאר יעדעס יאר. דאס איז די אורזאך פארוואס עס איז וויכטיג אז מענטשן זאלן זיין באוואפענט מיט די אינפארמאציע וואס זיי ברויכן צו בלייבן באהיטן, אז זיי זאלן האבן די געצייג וואס פארלאנגט זיך צו נעמען קאנטראל פון פלאנירן זייער פינאנציעלע און פיזישע וואוילזיין, און אז זיי זאלן וואוסן וואוהין צו גיין נאך הילף, אדער צו באריכטן א פארברעכן.

# I. פון וואס א שווינדל באשטייט

עס קען זיין פעלשעריי, פיזישע פייניגונג ׳פיזיקל אביוז׳ (physical abuse) אדער פינאנציעלע גניבה. רוב פארברעכנס וואס נוצן אויס א מענטש׳ס טראסט האבן די זעלבע באשטאנד טיילן, און רוב דערפון האבן ווארצלן אין דעם עצם בלאף אדער שווינדל. טעכנאלאגיע קען עס פאראויס ברענגן, די פארלאנגן קענען ווערן גלאבאל, אבער דער געבוי פון דעם שווינדל טוישט זיך נישט. סיי אויב איינער פרובירט אייך צו פארקויפן א נייעם דאך, אדער אן אי-מעיל מעלדט אייך אז איר האט געוואונען די לאטערי וואס איר געדענקט נישט אז איר האט געשפילט, וועלן אלעמאל זיין ענליכע עלעמענטן פון א שווינדלער׳ס צוגאנג.

**כיטערע שווינדלערס נוצן א ׳הוק׳ (hook).**

**עס וועט גאנץ ווארשיינליך זיין איינע פון די פאלגענדע.**

### געלט גייציגקייט

רוב מענטשן זוכן א גוטן ‹דיעל› אדער חלומען פון א פלוצלינג‹דיגע רייכקייט

### ליבשאפט אדער גוטסקייט

גוטע מענטשן ווילן העלפן די פאר וועמען זיי זארגן זיך

### שרעק אדער פארלוירענקייט

איראניש, קען שרעק אונז מאכן ווייניגער פארזיכטיג, און מער אפען צו אן איינגערעדעטע שנעלע רעטונג, אדער אומערווארטעטע היילונג

די ערשטע שריט איז צו וואוסן וויאזוי א שווינדל קוקט אויס. ווען עמיצער קומט אייך אנבאטן א געשעפט 'דיעל', אדער מאכט אייך א פארלאנג, האלט אן אויג אויף די פאלגענדע פונקטן:

1

## א 'הוק' ("Hook") וואס נעמט אוועק אייער אויפמערקזאמקייט

אין צענטער פון א שווינדל איז אלעמאל פאראן עפעס א זאך וואס כאפט אייער אויפמערקזאמקייט, וואס אפעלירט צו אייך אויף א וועג וואס ברענגט אייך צו זיין וויניגער וואכזאם איבער די פרטים, אדער אראפצולאזן אייער אפגעהיטענקייט.

2

## א כיטערע בלאפער וואס קוקט אויס געטרוי'באר

רוב מענטשן געטרויען אנדערע, אויסער אויס זיי האבן א אורזאך יענעם נישט צו געטרויען. שווינדלערס קענען זייער גוט מאניפולירן מענטשן אז מען זאל זיי געטרויען.

3

## א 'דעדליין' (Deadline)

דאס קען זיין דער סימן אז איר שטייט יעצט אויס א שווינדל. רוב לעגיטימע מארקעטינג קאמפיינס האבן א 'הוק' (hook), עפעס מיט וואס צו צו-רעדן א קונה. רוב אדווערטייזינג קאמפיינס רעכנען אויף אייך אז איר וועט געטרויען זייערע פאקטן. אויב איז עס א זאך וואס וועט נישט זיין צו באקומען מארגן, דעמאלט איז עס ווארשיינליך נישט לעגיטים.

# II. אפטע שווינדלערייען



## ‘סוויפסטעיקס’ אדער פארמעסטן

אמאל איז עס אן "אויסלענדישע לאטערי" אדער א "רענדאם" גורל ("Random Drawing") אדער דער "מיליאן'סטער קליענט" וואס טוט אייך בארעכטיגן צו א שיפ'ס רייזע, געלט אדער א נייעם קאמפיוטער. די נייעס קען אייך אנקומען דורכ'ן טעלעפאן, דורך די פאסט, אדער דורכ'ן אינטערנעט.

### אפטע באשטאנד טיילן פון די 'סוויפסטעיקס' בלאפעריי:

- א פארלאנג אז דער "געווינער" זאל שיקן א טשעק אדער זאל 'ווייערן' געלט (wire money) צו דעקן שטייערן אדער אויסגאבן. צומאל טוט די פארמעסט מעלדונג אנטהאלטן א טשעק וואס דער געווינער דארף דעפאזיט'ן; דער געווינער באקומט אן אנווייזונג צוריק צו שיקן א פראצענט-זאץ פון דאס געלט. לעגיטימע פארמעסטן בעטן קיינמאל נישט קיין געלט פון פאראויס.
- א פארלאנג פון אייער באנקירונג אינפארמאציע כדי אז אייערע געוואונסן זאלן קענען ווערן דעפאזיט'ירט דירעקט אין אייער אקאונט. דאס איז א פארזוך צו גנב'ן אייער אידענטיטעט. זיי וועלן גענצליך אפווישן אייער באנק אקאונט.
- זיי נוצן א נאמען וואס קלינגט אזוי ווי א רעגירונגס אגענטור אדער אזוי ווי אן אפיציעלע קלינגענדע אויטאריטעט. דער נאען קען זיין אויפגעמאכט: צום ביישפיל: די "נאציאנאלע סוויפסטעיקס ביורא", אדער די "נאציאנאלע קאנסומער פראטעקשאן אגענטור". קיין איינע דערפון עקזיסטירט נישט אין די ווארהייט. צומאל וועלן זיי נוצן אן עכטע נאמען, ווי למשל די "פעדעראל טרעיד קאמישאן (Federal Trade Commission). די שווינדלערס באהויפטן אז די רעגירונג "גיט אכטונג" אויף די ערליכקייט פון אויסלענדישע לאטערי'ס. אבער עס איז נישט ריכטיג. עס איז א שווינדל.

## בלייבט באהיטן, נעמט קאנטראל:

- איר זאלט קיינמאל נישט 'ווייערן' געלט צו איינעם וואס פארבינדט זיך מיט אייך – ווען איר קענט נישט; דאס איז די זעלבע זאך ווי אוועק געבן קעש געלט.
- איר זאלט קיינמאל נישט באצאלן אויף צו קענען קאסירן פרייז געלט – סיי אויב זיי בעטן אייך צו 'ווייערן' געלט, אדער צו שיקן א טשעק צו "דעקן" די שטייערן, אדער אן אנדערע וועג פון באצאלונג. לעגיטימע לאטעריס און 'סוויפסטעיקס' רעכענען אראפ די סומע וואס איר זענט שולדיג פאר די איי.אר.עס. (IRS) פון די געוואונסן, און איר וועט אויספילן מערערע פארם'ס דירעקט פאר די איי.אר.עס (IRS).
- פארלאזט זיך נישט אויף 'קאללער איי.די.' (Caller ID). די שווינדלערס נוצן אזא טעכנאלאגיע וואס ערלויבט זיי אייך צו מאכן גלייבן אז זייער קאלל קומט פון אייער אומגעגענט, אדער פון וואשינגטאן די.סי.
- זייט א פריינט. אויב איר פארדעכטיגט אז א פריינט אדער א פאמיליע מיטגליד ווערט באשווינדלט, פרובירט צו רעדן מיט זיי דערוועגן. טייל סימנים זענען הויפנס מיט "גאראנטירטע געווינער" פאסט, פעקלעך וועלכע אנטהאלטן צירונגען, האנט זייגערס אדער אזוי-גערופענע "קאלעקטיבל'ס" ("collectibles").

## עס איז אומלגאל פאר סיי וועלכע 'סוויפסטעיקס' אדער לאטערי צו:

- טענה'ן אז איר זענט א געווינער, אויסער אויב איר האט טאקע געווינען א פרייז;
- פארלאנגן אז איר זאלט עפעס קויפן כדי צו קענען אריין גיין אין א פארמעסט אדער כדי צו באקומען צוקונפטיגע 'סוויפסטעיקס' מעילינגס, אדער צו מאכן דעם אנשטעל אז אייערע שאנסן צו געווינען זענען בעסער אויב איר האט עפעס געקויפט;
- שיקן דורך די פאסט פאלשע טשעקס וועלכע שרייבן נישט קלאר ארויס אז עס איז 'נאן-נעגאשעבל' (nonnegotiable) און אז עס האט נישט קיין שום קעש ווערט;
- נוצן 'סיעלס', נעמען אדער טערמינען וואס מאכן דעם אנשטעל ווי גלייך עס איז אפיליאירט מיט די רעגירונג, אדער אינדארסירט דורך די רעגירונג;
- דורכפירן א לאטערי דורכ'ן טעלעפאן, אדער דורך די פאסט.



## דער פאלשער טשעק

די פאלשע טשעק איז נישט באגרעניצט בלויז צו 'סוויפסטעיקס'; איר קענט עס אויך טרעפן אין 'סיקרעט שאפפער קאם-אן'ס' ("secret shopper" come-ons); סעילס אדער ליציטאציעס; און ארבייט-אינדערהיים-געלעגנהייטן, צווישן אנדערע.

דער געצילטער קרבן ווערט דאן געבעטן צו דעפאזיט'ן א טשעק, און דערנאך צוריק צו 'ווייערן' א טייל פון דאס געלט. די טשעקס זעען געווענליך אויס צו זיין זייער עכט; אין פאקט, איז עס צומאל טאקע עכטע טשעקס.

דער פראבלעם איז אז עס איז נישט פארהאן קיין געלט אונטער דעם. דער טשעק ווערט דעפאזיט'ירט, און וויניגסטענס א טייל פון דאס געלט ווערט צוריק גע'ווייערט' צום כיטערען בלאפער. ווען דער טשעק קראכט, ווערט פארלוירן די געלט וואס מען האט גע'ווייערט'.

### *דער שווינדל ארבייט וייל איר דארפט ארייַן 'ווייערן' דאס געלט בעפאר דער טשעק גייט אדורך.*

## אור-עלטערן שווינדל

"באבי, דאס בין איך...
ביטע דערצייל נישט פאר
מיין מאמע..."

דער סארט שווינדל קומט טיפיש אינעם פארעם פון א דרינגענדן טעלעפאן קאלל. דער וואס רופט גיט זיך אן צו זיין "אייער באליבט אייניקל", אדער זאגט בלויז "דאס בין איך"... וואס דאס טרייבט די אור-עלטערן צו-שטעלן דעם באטרעפענדן נאמען. כאטש די עמוירדזשענסי'ס זענען נישט אלעמאל אייניג, באשטייט אבער דאס בילד געווענליך אזוי: דאס "אייניקל" איז אינדערויסן פון שטאט און ברויך האבן געלט זייער שנעל – צו צאלן אויסלייז געלט 'בעיל' (bail), אדער צו צאלן פאר אויטא פארריכטונגן אדער מעדעצינישע אויסגאבן. דער וואס רופט בעט זיך ביי די אור-עלטערן נישט צו דערציילן פאר זיינע עלטערן. "נאר שיק זאפארט אריבער די געפאדערטע געלט."

די שווינדלער'ס ווייסן אז עלטערן און אור-עלטערן האבן שרעק פון א קאלל וואס דערציילט זיי אז זייערס א באליבטער איז אויף צרות. יעדעס יאר ווערן טויזנטער אמעריקאנער אריין געכאפט אין אזא אור-עלטערן שווינדל. די שווינדלער'ס באנוצן זיך אלץ מער און מער מיט עכטע קרובים'ס נעמען און אינפארמאציע וואס זיי קלויבן צוזאם אויף די סאציאלע מידיא און אנדערע אינטערנעט זייטלעך. פאלט נישט קיין קרבן דערצו. וויבאלד עס ווערט דעפאזיט'ירט, ווערט א טייל פון דאס געלט צוריק גע'ווייערט' פארן כיטערן שווינדלער. ווען די טשעק קראכט, ווערט פארלוירן די גע'ווייערטע' געלט.

## בלייבט באהיטן, נעמט קאנטראל:

- איר זאלט קיינמאל נישט 'ווייערן' קיין געלט פאר קיינעם, אן דעם וואס איר באשטעטיגט זייער אידענטיטעט.
- פארלאזט זיך נישט אויף דערקענען דעם רופער'ס שטימע; באשטעטיגט אז איר קענט דעם פערזאן וואס שטייט אויף די אנדערע זייט טעלעפאן.
- פארלאנגט פונעם רופער אייך צו געבן דעם נאמען און די קאנטאקט אינפארמאציע פון די געזעץ-פארסירונג אגענטור, שפיטאל אדער אויטא פארריכטונג פירמע פון וועלכן עס האנדלט זיך, און באשטעטיגט אז די געשיכטע וואס דער רופער דערציילט אייך איז אמת.
- בעפאר איר שיקט געלט, רעדט צו אייער פאמיליע געוואר צו ווערן אויב עמיצער איז טאקע אינדערויסן פון שטאט, און איז טאקע גענויטיגט אין געלט.

# 'האום אימפראוומענט' (Home Improvement) שווינדלערייען

היים קאנטראקטינג שווינדלערייען ווערן אפטמאל געצילט אקעגן עלטערע מענטשן, מעגליך צוליב דעם וואס זיי זענען מער אפט אינדערהיים, זיי זענען ווארשיינליך די אייגענטימער פון זייערע היימען, און פארמאגן הייזער וואס קענען געברויכן פארריכטונגען. א טייל דערפון ארבייטן אפטמאל אזוי:

## איך בין גראדע פונקט יעצט דא

דער קאנטראקטאר "פארט פונקט יעצט דא דורך" איז איינע פון די אממערסטענס אפטע שווינדלערייען. צומאל טענה'ן זיי אז זיי האבן נארוואס געמאכט אן ארבייט עטליכע בלאקס דערנעבן, און האבן איבער געבליבן מאטריאל. אין אנדערע פעלער באמערקן זיי עפעס טויג נישט: א צווייג פון א בוים איז אראפ געפאלן, אדער עפעס 'סיידינג' (siding) הענגט לויז פון די וואנט. אין געוויסע פעלער וועלן זיי אליין אנמאכן א שאדן, און דערנאך קומען אנבאטן דאס צו פאררעכטן.

די דאזיגע אנבאטן צו מאכן שנעלע, ביליגע פארריכטונגען ענדיגן זיך געוועהנליך אין ארבייט פון א נידריגן קוואליטעט, אזוי ווי למשל צו נוצן וואסער'דיגע קאליר אנשטאט ריכטיגע פעינט, שוואכע מאטריאל 'שינגלס' בלויז אויף א האלבן דאך, אדער דין געשמירטע 'בלעקטאפ' (blacktop) אויף אייער דרייוו-וועי. די שווינדלער'ס פארלאנגן געוועהנליך אז מען זאל זיי באצאלן פון פאראויס, און אויב זיי ענדיגן טאקע צו די ארבייט וועט עס מסתמא נישט לאנג האלטן.

## אומזיסטע 'אינספעקשאן' שווינדלערייען

'וועטער-פרופינג' (weather proofing), נייע פענסטער, קוימענ'ס: וויבאלד ביי אונז איז העכסט וויכטיג אז אונזערע היימען זאלן זיין וועטער-באשיצט, וועלן די שווינדלער'ס אייך קומען אנבאטן "אומזיסטע אינספעקשאנס." זיי וועלן כמעט אלעמאל טרעפן עפעס א פראבלעם וואס פארלאנג א טייערע לייזונג: א טייערע פאמפ וואס דארף ווערן אינסטאלירט; גראב אריבערט ביים פונדאמענט צו מאכן דאס הויז וואסער-פרוף אין די צייט וואס רייניגן די 'גאדערס' (gutters) קענען טאן דעם דזשאב; א נייעם קוימען; אדער נייע פענסטער אין די צייט וואס אביסל 'וועטער-סטריפינג' (weather stripping) קען טאן די זעלבע זאך.



"איך טוה אן ארבייט ממש דא ארום די קארנער און איך האב מאטריאל וואס איז איבער געבליבן. איך קען אייך מאכן ארבייט כמעט פאר אומזיסט..."

# בלייבט באהיטן, נעמט קאנטראל

- זייט פארדעכטיג איבער יעדע אומגעבעטענע אנבאט צו מאכן ארבייט ביי אייער היים. געדענקט, עס איז נישט קיין שום פראבלעם ואס איז אזוי ערנסט אז עס קען נישט ווארטן א טאג אדער צוויי, ביז איר טוט אביסל אויספארשן די זאך.
- פארלאזט זיך נישט אז איר וועט דערקענען אויף די שטימע דעם וואס רופט; באשטעטיגט אז איר קענט טאקע דעם מענטש אויף די אנדערע זייט.
- פרעגט פון אייערע פריינט און שכינים וועמען זיי וואלטן רעקאמענדירט. געדענקט, די בעסטע קאנטראקטארס זענען אזעלכע איבער וועמען מ׳הערט פון מויל צו אויער.
- אינטערסירט זיך אויפן קאנטראקטאר ביי די לאקאלע «בעטער ביזנעס ביורא» (Better Business Bureau).
- פארשאפט זיך ‹רעפרענסעס› (references).
- מיידט אויס אומ‹געלייסענס›טע קאנטראקטארס. טייל קאונטי‹ס און מוניציפאליטעטן פארלאנגן אז קאנטראקטארס דארפן באזיצן ‹לייסענס›.
- פארשאפט זיך מער ווי איין שריפטליכע אפשאץ ‹עסטימעט› (estimate), און מאכט זיכער אז די ‹עסטימעטס› אנטהאלטן דעטאלן איבער די ארבייט און איבער די מאטעריאלן.
- לאזט נישט קיין קאנטראקטאר טוען ארבייט אן די נייטיגע ‹פערמיטס› און אינשורענס.
- נעמט נישט אן פאר א פאקט אז די נידריגסטע אפשאץ (estimate) איז די בעסטע געשעפט. קוקט נאך די קוואליטעט פון די מאטעריאל.
- באקומט עס שריפטליך: דאס געזעץ פארלאנגט א געשריבענעם קאנטראקט פאר ארבייט וואס וועט קאסטן מער ווי $500.
- איר האט די רעכט צו אנולירן דעם קאנטראקט מיז אינמיטן די נאכט פונעם דריטן ביזנעס טאג נאכדעם וואס דער קאנטראקט איז געווארן אונטערגעשריבן. די אנולירונג מוז זיין שריפטליך.
- מאכט קלאר אז איר וועט נישט באצאלן פאר קיין שום ארבייט אדער ענדערונגען אינעם קאנטראקט, אויסער אויב עס איז געווארן שריפטליך צוגעשטימט.
- איר זאלט קיינמאל נישט באצאלן די גאנצע סומע פון פאראויס. פארהאנדלט איבער א צאלונג סקעדזשועל וואס איז געבינדן צו פארשריט אויף די ארבייט. מאכט זיכער אז די ארבייט ווערט געטאן אין איינקלאנג מיטן קאנטראקט בעפאר איר מאכט די לעצטע צאלונג.
- אויב מעגליך, צאלט דורך א קרעדיט קארד. אויב נישט, צאלט דורך א טשעק. איר זאלט קיינמאל נישט צאלן מיט קעש.

### נאך א שטורעם

זייט ספעציעל וואכזאם נאכפאלגענדיג ערנסטע וועטער פאסירונגען, ווי למשל א 'בליזארד' אדער פארפלייצונגען. שווינדלער'ס וועלן אויסנוצן א צאל מענטשן וואס דארפן האבן פארריכטונגען.

# האנדלן מיט 'טעלעמארקעטערס' (Telemarketers)

עס זענען פאראן לעגיטימע 'טעלעמארקעטערס' (זיי זוכן צו פארקויפן דורכ'ן טעלעפאן), און עס זענען אויך פאראן שווינדלער'ס, און אויך אזעלכע וואס פאלן אריין אינדערמיט. דער פראבלעם איז אז זיי אלע צילן אויף מענטשן וואס זענען ביי זיך אין שטוב דורכאויס דעם טאג און האבן די נאטור פון ענטפערן זייערע טעלעפאנען. עס איז וויכטיג איר זאלט שטיין פעסט אויף די וואך ווען איר ענטפערט דעם טעלעפאן. אט זענען דא געוויסע פונקטן צו געדענקן:

### פארלאזט זיך נישט אויף 'קאללער איי.די.' (caller ID) אייך צו לאזן וואוסן ווער עס רופט אייך.

שווינדלער'ס קענען אפטמאל מאניפולירן די 'קאללער איי.ד.י.' סיסטעם אייך צו געבן דעם איינדרוק אז דאס איז א לאקאלע טעלעפאן קאלל, אדער אז עס קומט פון אן "אפיציעל" פלאץ, ווי למשל פון וואשינגטאן די.סי. מאכט זיכער אז איר זענט באקאנט מיט די פירמע אדער מיט די צדקה קאסע פאר וועמען דער רופער ארבייט. אויב קלינגט עס אייך נישט באקאנט, גיט זיך גענוג צייט זיך צו אינטערסירן דערוועגן איידער איר פארפליכטעט זיך צו קויפן עפעס אדער צו געבן א נדבה.

### גיט קיינמאל נישט ארויס קיין פערזענליכע אינפארמאציע פאר אן אומגעבעטענעם רופער,

דאס מיינט, איינער וואס נעמט די איניציאטיווע און פארבינדט זיך מיט אייך פון אייגענעם בארוף. די אינפארמאציע וואס איר דארפט צוריק האלטן אנטהאלט אייער געבורטס טאג, סאשל סעקיוריטי נומער (אפילו נאר די לעצטע פיר ציפערן), אייער מאמע'ס נאמען אלס מיידל, די נאמען פון אייער ערשטע 'פעט' (pet), אדער סיי וואס עס קען גענוצט ווערן אלס א 'פעססווארד' (password) אדער אן אנדערע סארט אידענטיפיצירער. איר קענט קיינמאל נישט זיין עכט זיכער צי דער רופער איז טאקע דער וואס זיי זאגן אז זיי זענען.

### איר דארפט זיך איבערהויפט נישט פארפליכטן צו קיין שום זאך אויפן טעלעפאן.

פארלאנגט צו זעהן א שריפטליכע פארשלאג 'פראפאזל' (proposal), נעמט אייך גענוג צייט זיך צו אינטערסירן דערוועגן אדער אריין צו קלערן דערין. גייט צוריק צו די פריער דערמאנטע "פון וואס א שווינדל באשטייט": לעגיטימע סעילס פערזאנען וועלן אייך געבן צייט צו מאכן א גוטן באשלוס.

### טעלעמארקעטערס זענען רעגולירט

די שטונדן ווען צו רופן זענען באגרעניצט: פון 8 פרי ביז 9 אין אווענט.

די טעלעמארקעטערס מוזן אייך זאגן אז זיי פרובירן אייך עפעס צו פארקויפן, און זיי מוזן אידענטיפיצירן דעם עכטן פארקויפער.

בעפאר זיי בעטן אייך געלט, מוזן זיי אויפדעקן וועלכע סארט פראדוקט אדער סערוויסעס וואס זיי פארקויפן, וויפיל עס קאסט, און סיי וועלכע דעליווערי צוימונגען.

# III.אינטערנעט זיכערהייטס

פראבלעמען מיט 'אנליין' שווינדלערייען און אידענטיטעט גניבה האלטן אין איין שטייגן דערמיט וואס דער אינטערנעט ווערט אלס מער א גרעסערע טייל פון יעדנס לעבן. אבער עס זענען פאראן א צאל וועגן וויאזוי מען קען בלייבן באהיטן און נעמען קאנטראל.

## ערצייגט שטארקע 'פעסווארדס' (Passwords)

מאכט עס גרינג פאר אייך צו געדענקן אבער שווער פאר אנדערע געוואר צו ווערן. נוצט נישט קיין פערזענליכע אינפארמאציע אזוי ווי למשל אייער געבורטס טאג, אייער סאשל סעקיוריטי נומער אדער אייער מאמע'ס נאמען אלס מיידל. איר זאלט אויך פארמיידן פשוטע אויסוואלן אזוי ווי למשל די נעמען פון אייערע קינדער אדער 'פעטס' (pets). לייגט צו סימבאלן און נומערן, און נוצט 'אפפער' (upper) און 'לאוער' (lower) בוכשטאבן.

נוצט פארשידנארטיגע 'פעסווארדס' (passwords) פאר באזונדערע צוועקן. אויב איינער ברעכט דעם קאוד פון אייער אי-מעיל, און דאס איז די זעלבע ווי אייער באנקירונג אינפארמאציע, שטייט איר אויס א ריזיקע צו פארלירן א סאך געלט. האלט אייער 'פעסווארדס' (passwords) אויף א פארזיכערט פלאץ. 'פעסווארדס' (passwords) זענען וויכטיג פאר 'ווייערלעסס' אינטערנעט נעטווארקס. אויב איר האט א 'ווייערלעסס' אינטערנעט נעטווארק וואס איז איינגעשטעלט אין אייער היים, פארזיכערט עס. 'העקערס' שוועבן ארום אין קאמיוניטיס צו זוכן אומבאשיצטע נעטווארקס. אויב זיי לאג'ן אריין צו אייער נעטווארק, קענען זיי זיך גרינג אריין ברעכן אינערהאלב די אינפארמאציע וואס געפינט זיך אין אייערע קאמפיוטערס. זיי קענען אויך נוצן אייער אינטערנעט נעטווארק דורך צו פירן אומלעגאלע געשעפטן, אדער צו דאון-לאוד'ן אומאיידעלע בילדער (pornography) און אנדערע מאטריאל וואס איר ווילט נישט עס זאל זיין אנגעבינדן מיט אייער אקאונט.

- יעדע איינציגסטע קאמפיוטער און יעדע אקאונט אויפן קאמפיוטער זאל זיין באשיצט דורך א 'פעסווארד' (password).
- אי-מעיל. אויב איר נוצט אייער אי-מעיל איינצוקויפן, צו צאלן אייערע ביללס אדער פאר באנקירונג, איז דא א סאך פערזענליכע אינפארמאציע צו וואס מען קען באקומען צוטריט בלויז דורך דרוקן א קנעפל. אויב איר האט א סמארטפאון, זאלט איר דאס אויך באשיצן מיט א פעסווארד (password).
- אנדערע אקאונטס. אויב איר באנקירט אדער קויפט איין 'אנליין', וועט איר פארבעטן ווערן צו רעגיסטרירן א 'יוזערנעים' (username) און א 'פעסווארד' (password).




# נוצט פארזיכערטע זייטלעך

מאכט זיכער אז די זייטלעך וואס איר נוצט צו איינקויפן און צו באנקירן זענען פארזיכערט. אט איז וויאזוי איר קענט דאס אויפכאפן:

- קוקט אויפן נאמען פון די וועב זייטל לויט וויאזוי עס ערשיינט אינעם 'בראוזער באר' (browser bar). מאכט זיכער אז עס איז פאראן אן עס. ("S") אינעם פראקטאקאל ביים אנהייב פון די זייטל'ס נאמען. א פארזיכערט זייטל וועט זיך אנהייבן מיט https://.
- קוקט זיך אום אויף די 'סעקיוריטי סערטיפיקאט' (security certificate) אין די בראוזער'ס פענסטער. דאס איז דאס פלאץ ווי איר טייפט אריין דעם נאמען פון די זייטל וואוהין איר ווילט גיין. רוב 'בראוזערס' נוצן א בילד 'אייקאן' (icon) וואס זעהט אויס ווי א 'פעדלאק' (שלאס) אזוי ווי דא אויבן. ווען איר קליקט דערויף, וועט עס אייך זאגן דעם נאמען פונעם אייגענטימער פון די סערטיפיקאט, וועלכע דארף זיין די זעלבע נאמען ווי די זייטל אויף וועלכען איר געפינט זיך. טייל 'בראוזערס' נוצן נישט דעם שלאס 'אייקאן' (icon); נאר אנשטאט דעם וועט דער נאמען פונעם זייטל זיין ליכטיג-געמאכט און קאלירט בעפאר די https://. קליקט אויפן נאמען צו מאכן זיכער אז עס שטימט איינס מיטן אנדערן.
- נוצט נישט קיין 'דעביט' קארד אדער א טשעק קארד 'אנליין', נאר קרעדיט קארדס. 'דעביט' קארדס, אפילו אזעלכע וואס האבן א קרעדיט קארד נאמען און לאגא, טראגן נישט מיט זיך די זעלבע באשיצונגען. אויב אייער קרעדיט קארד אינפארמאציע ווערט גע'גנב'עט, זענט איר נאר פאראנטווארטליך פאר $50 אין פאלשע רעכענונגען. אויב אייער 'דעביט' קארד אינפארמאציע ווערט גע'גנב'עט און דער גנב ליידיגט אויס אייער באנק אקאונט, איז דאס געלט פארלוירן.

### *סאציאלע נעטווארקינג*

אזעלכע זייטלעך ווי 'פעיסבוק' (Facebook) און 'סקייפ' (Skype) קענען זיין געוואלדיגע וועגן וויאזוי זיך צו האלטן אין פארבינדונג מיט פאמיליע און פריינט וואס זענען ווייט אוועק. אבער צום באדויערן, טוען כיטערע שווינדלער אויך ארום שווימען אין די זייטלעך זוכענדיג אינפארמאציע.

## ווערט נישט גע'פישד' ("Phished")

'פישינג' איז א פארזוך צו ברענגן דערצו אז א קרבן זאל ארויס געבן אזעלכע פערזענליכע אינפארמאציע ווי למשל זייער 'יוזערנעים' (username), פעסווארד (password), אדער קרעדיט קארד נומער. די שווינדלער'ס שטעלן טיפיש אן א פנים ווי א באקאנטע און געטרוי'בארע פירמע, אזוי ווי למשל אייער באנק, אן 'אנליין' געשעפט ווי איר האט שוין אמאל איינגעקויפט, אדער אייער קרעדיט קארד פירמע.

טייל מאל מאכן זיי דעם אנשטעל צו זיין א רעגירונגס אגענטור. זיי וועלן אייך שיקן אן אימעיל וואס טענה'ט אז עס האט זיך געמאכט א פראבלעם מיט אייער אקאונט און זיי ווילן אייך נאר העלפן. טייל מאל וועלן זיי אייך אנרופן דורכן טעלעפאן אדער אייך שיקן א 'טעקסט'. דער שליסל צום 'פישינג' שווינדל איז אז זיי בעטן אייך ארויס צו געבן פערזענליכע אינפארמאציע, אזוי ווי למשל אייער סאשל סעקיוריטי נומער אדער 'פעסווארד', כדי זיי זאלן קענען "באשטעטיגן אייער אידענטיטעט" און דערנאך "אין ארדענונג צו ברענגן אייער אקאונט".

- איר זאלט קיינמאל נישט ארויס געבן אייער פערזענליכע אינפארמאציע אדער 'פעסווארדס' פאר עמיצן וואס פארבינדט זיך מיט אייך אומגעבעטן.
- איר זאלט נישט קליקן אויף א 'לינק' אין אן אימעיל וואס קומט פון איינעם וועמען איר קענט נישט, נישט קיין חילוק ווער זיי טענה'ן אז זיי זענען. עס איז מעגליך אז איר וועט ווערן אנגעוויזן צו א פאלשע, "נאכגעמאכטע" וועב זייטל וועלכע מאכט נאך די וועב זייטל פון די ריכטיגע פירמע. אנשטאט צו קליקן אויף די 'לינק', גייט צום 'בראוזער באר' און טייפט אריין די וועב אדרעס פון די פירמע מיט וועלכן איר ווילט זיך פארבינדן. דעמאלט קענט איר זיין זיכער אז איר זענט אויף די "ריכטיגע" וועב זייטל, נישט קיין פאלשע.
- פארמיידט אויפצומאכן אימעילס וועלכע זעען אויס צו זיין מיסט. עס איז פשוט בעסער דאס נישט נאך צו גיין.
- אויב איר באקומט א קאלל, א טעקסט אדער אן אימעיל פון א פירמע וועלכע טענה'ט אז עס האט זיך געמאכט א פראבלעם מיט אייער אקאונט, ענטפערט עס נישט. נאר אנשטאט דעם זאלט איר אויפהענגען דעם טעלעפאן טרייבל, מעקט אפ (delete) די טעקסט אדער אימעיל, און דערנאך פארבינדט זיך מיט די פירמע אליין. יעמט קענט איר זיין זיכער אז איר רעדט מיט די ריכטיגע פירמע, נישט מיט א בלאפער וואס פרובירט אייך צו 'פישן'.

### סאציאלע נעטווארקינג

- נוצט ‹פרייוועסי› סעטינגס און פעסווארדס.
- מאכט אייערע בילדער און אינפארמאציע זאל זיין עווילעבל נאר פאר אזעלכע וואס איר האט ‹באפריינדעט›.
- באפריינדט זיך נישט מיט קיין מענטשן וועמען איר קענט נישט.
- ‹פאוסט› נישט קיין פערזענליכע אינפארמאציע אזוי ווי למשל אייער געבורט טאג, היים אדרעס אדער טעלעפאן נומער.

# IV. אידענטיטעט גניבה

שנארן דורכן טעלעפאן; 'פישינג'; פאלשע טשעקס: פילע פון די דאזיגע שווינדלערייען זוכן מער ווי שנעלע קעש. זיי ווילן אייך בארויבן פון אייער אידענטיטעט.

אידענטיטעט גניבה – גנב'ן פערזענליכע אינפארמאציע כדי צו באקומען צוטריט צו קרעדיט, באנק אקאונטס, אפילו מעדעצינישע באהאנדלונג – באווירקט מיליאנען מענטשן יעדעס יאר, און עס קאסט אפ ביליאנען דאלארן. אירע קרבנות קומען פון יעדע געגנט, פון יעדן איינקונפט שטאפל און פון יעדע יארגאנג גרופע. און עס קען פאסירן איבעראל: גנבים קומען ארויף אויף אייער פערזענליכע אינפארמאציע אין די מיסט, אין א סטאר אדער רעסטאראנט וואו איר האט גענוצט א קרעדיט אדער א 'דעביט' קארד, אין א דאקטאר'ס אפיס אדער איבערן אינטערנעט.

יעדער איז בארעכטיגט צו אן אומזיסטע קאפיע פון זייער קרעדיט באריכט יעדעס יאר. איר קענט באקומען אייערס דורך זיך רעגיסטרירן ביי די וועב זייטל אדער דורך רופן די טאלל-פרי טעלעפאן נומער.

אויב איר זעהט אקאונטס אדער 'אינקווייעריס' (inquiries) וואס איר האט נישט געמאכט אדער וואס איר דערקענט נישט, קען דאס זיין אן אנדייטונג אז עמיצער אנדערש טוט זיך באנוצן מיט אייער אידענטיטעט.

אומזיסטע קרעדיט באריכט:

annualcreditreport.com

(877) 322-8228



### דא האט איר עטליכע וועגן וויאזוי צו בלייבן באהיטן און צו באשיצן אייער אידענטיטעט:

- צערייסט אלע פאפירן וואס אנטהאלטן פערזענליכע אינפארמאציע בעפאר איר ווארפט עס אוועק.
- האלט אייער אינפארמאציע באשיצט און פריוואט. ווען איר צאלט אייערע ביללס, לייגט נישט די ענוועלאפס אין אן אומ'צוגעשפארטע פאסט קעסטל אזוי ווי למשל דאס וואס שטייט ביי די ענדע פון אייער דרייוו-וועי. טוט דירעקט-דעפאזיט'ירן די טשעקס. טראגט נישט מיט זיך אייער סאשל סעקיוריטי קארד אדער צי פיל קרעדיט קארדס. נוצט 'פעסווארדס' (passwords) אויף אייערע אקאונטס. נוצט נישט קיין פאבליק קאמפיוטערס, אזוי ווי אזעלכע וואס זענען דא אין קאפע הייזער אדער לייבערעריס, פאר פינאנציעלע טראנזאקציעס. ביי זיך אינדערהיים, האלט אייער פערזענליכע אינפארמאציע אויף א פארזיכערט פלאץ.
- קוקט פארזיכטיג אדורך אייערע באנק און קרעדיט קארד סטעיטמענטס יעדן מאנאט, צו מאכן זיכער אז עס זענען דארט נישט דא קיין אומ'אויטאריזירטע רעכענונגען (charges) אדער אנדייטונגען פון פאלשע באנץ. אויב איר באנקירט 'אנליין', זאלט איר אונטערזוכן אייער אקאונט נאכמער אפט. ווי שנעלער איר כאפט דעם פראבלעם, אלס בעסער וועט איר ענדיגן.
- פארניכטעט פינאנציעלע אינפארמאציע וואס איז שוין אפגעלאפן אדער וואס איר ברויכט מער נישט, בעפאר איר ווארפט עס אוועק. צערייסט פאפיר ארבייט. צעשניידט פלאסטיק.
- אממערסטענס וויכטיג: גיבט נישט ארויס אייער פערזענליכע אינפארמאציע פאר עמיצן וואס איר קענט נישט.

## קרעדיט ביוראען אדער 'קאנסומער' באריכטונג אגענטורן

די פאלגענדע פירמעס שטעלן צו קרעדיט אינפארמאציע איבער אינדיווידועלע 'קאנסומערס'. אויב איר מאכט אויף א 'טשארדזש אקאונט' (charge account), איר גיט זיך איין פאר א הלוואה, אדער איר דינגט ארויס א דירה, זענען דא שאנסן אז אייער קרעדיט וועט אונטערזוכט ווערן.

אין די פאראייניגטע שטאטען זענען פאראן די פאלגענדע פיר נאציאנאלע ביוראען:

***Experian*** ***TransUnion*** ***Equifax*** ***Innovis***

איר קענט טרעפן קאנטאקט אינפארמאציע פאר יעדן פון זיי אין די 'מיטלען' (Resources) אפטיילונג ביי די ענדע פון דעם ביכעלע.




# ׳טעלעמארקעטינג׳, אינטערנעט, דירעקטע פאסט

עס זענען פאראן וועגן וויאזוי שטארק צו רעדוצירן די צאל אומגעבעטענע טעלעפאן קאללס, מעילינגס און אינטערנעט אנבאטן וואס איר באקומט. צו נעמען די פאלגענדע שריט קען אפשטעלן נערווירענדע ארייגדריגונגען אין אייער לעבן און צומען אייער ריזיקע פון אידענטיטעט גניבה.

**׳דו נאט קאלל רעדזשיסטרי׳:**

**(800) 382-1222**

**donotcall.gov**

איר קענט פלאצירן אייער טעלעפאן נומער (ביידע, סיי אייער געווענליכער ׳לענד׳ טעלעפאן ליין און סיי אייערע סעלל נומערן, קענען רעגיסטרירט ווערן) אויף די ׳דו נאט קאלל רעדזשיסטרי׳ (Do Not Call Registry). ביז 31 טעג פון ווען איר רעגיסטרירט אייער נומער, מוזן ׳טעלעמארקעטערס׳ – מיט געוויסע אויסנאמען – אייך באזייטיגן פון זייערע קאלל ליסטעס.

די רעגיסטראציע לויפט נישט אפ. אייער טעלעפאן נומער וועט בלייבן אויף די ׳דו נאט קאלל רעדזשיסטרי (Do Not Call Registry) ביז ווילאנג דער נומער ווערט ׳דיסקאנעקטעד׳ און איבער געגעבן פאר א צווייטן, אדער ביז איר באשליסט צו באזייטיגן דעם נומער פון די רעדזשיסטרי.

### אויסנאמען

אפילו אויב איר רעגיסטרירט אייער נומער ביי די ׳דו נאט קאלל רעדזשיסטרי׳ (Do Not Call Registry), וועלן נאך אלץ זיין ערלויבט קאללס פון, אדער אין נאמען פון, פאליטישע ארגאניזאציעס, צדקה קאסעס, און טעלעפאן אויספרעגונגען, וויאויך קאללס פון פירמעס מיט וועמען איר האט געהאט געשעפטן, אדער אזעלכע פאר וועמען איר האט געגעבן אויסדריקליכע שריפטליכע צושטימונג צו באקומען זייערע קאללס. אבער פארט, אויב איר פארלאנגט פון אזא פירמע אז זיי זאלן ארויף שטעלן אייער נומער אויף זייער אייגענע ׳דו נאט קאלל׳ ליסטע, מוזן זיי רעספעקטירן אייער פארלאנג. איר זאלט האלטן א רעקארד פון דעם דאטום ווען איר האט געמאכט אזא פארלאנג.

# אומגעבעטענע קרעדיט און אינשורענס אנבאטן

*'אפט אוט' (Opt Out) פון אנבאטן*

**(888) 567-8688**

***optoutprescreen.com***

דער סערוויס ווערט פארוואלטעט דורך די פיר גרויסע 'קאנסומער' קרעדיט באריכטונג פירמעס. ווען איר רעגיסטרירט זיך, וועט מען אייך בעטן צו צו-שטעלן אייער היים טעלעפאן נומער, נאמען, געבורטס טאג און סאשל סעקיורעטי נומער. די אינפארמאציע וועט געהאלטן ווערן אין געהיימענים.

## פאסט און אימעיל

די 'דיירעקט מארקעטינג אסאסיעישאן' (Direct Marketing Association), א האנדלס ארגאניזאציע פאר ביזנעסער וועלכע נוצן דירעקטע פאסט, שטעלט צו א סערוויס דורך וועלכן 'קאנסומער' קענען זיך ארויס שרייבן פון באקומען אומגעבעטענע קאמערציעלע פאסט פון פילע נאציאנאלע פירמעס פאר פינף יאר, און אימעיל'ס פאר זעקס יאר. נאכן זיך רעגיסטרירן ביי די 'מעיל פרעפרענס סערוויס' (Mail Preference Service) אדער ביי די 'אימעיל פרעפרענס סערוויס' (Email Preference Service), וועט אייער נאמען ארויף געשטעלט ווערן אויף א 'דיליט' (delete) פייל, און עס וועט צו-געשטעלט ווערן פאר מיטגליד ביזנעסער, און רעדורצירן היבש פון אייער אומגעבעטענע פאסט און אימעיל.

דאס וועט נישט האבן קיין ווירקונג אויף פאסט פון ארגאניזאציעס וועלכע זענען נישט קיין מיטגלידער אין די 'דיירעקט מארקעטינג אסאסיעישאן' (Direct Marketing Association).

## זיך צו רעגיסטרירן:

גייט צו די פאלגענדע וועב זייטל: dmachoice.org

*אדער*

שיקט אריין אייער פארלאנג דורך די פאסט מיט א $1 פראצעסירונג אפצאל צו:
DMAchoice, Direct Marketing Association
P.O. Box 643, Carmel, NY 10512



# צערייסט, צערייסט, צערייסט

איינס פון די אממערסטענס וויכטיגע שריט וואס איר קענט נעמען צו באשיצן אייער פינאנציעלע אידענטיטעט איז זיך צו מאכן א געוואוינהייט צו צערייסן. איר קענט קויפן א ביליגע 'שרעדער' (shredder), אומגעפער די סייז פון א קליינע מיסט קאנע. געוויסע בענק און מוניציפאליטעטן טוען אויך אנבאטן אדער 'שרעד' קאנעס אדער "שרעד טעג". איר זאלט צערייסן 'שרעדן' זאכן וואס אנטהאלטן די פאלגענדע אינפארמאציע:

- סאשל סעקיוריטי נומערן
- אקאונט נומערן
- פינאנציעלע אינפארמאציע
- 'פעסווארדס' (passwords)
- קרעדיט קארד אינפארמאציע
- אייער אונטערשריפט
- מעדעצינישע רעקארדס
- לעגאלע רעקארדס

# V. צדקה קאסעס

## באלאנסירט וואוילטעטיגקייט מיט פארזיכטיגקייט

ניו יארקער אײנוואוינער זענען מנדב מער ווי $10 ביליאן דאלאר א יאר פאר צדקה ארגאניזאציעס; עלטערע ניו יארקער איינוואוינער זענען גאר ספעציעל ברייטהארציג.

רוב צדקה קאסעס זענען אויפריכטיג מיט זייער מעטאדן פון נאכגיין נאך נדבות. אבער פארט זענען פאראן ארגאניזאציעס וואס נוצן אויס צום שלעכטן די ׳פאנדרעיזינג׳ (fundraising) מעטאדן, אונטער וועלכן דער גרעסטער טייל פון די נדבות גייען פאר דעם ׳פאנדרעיזער׳ (fundraiser) ווי איידער פאר די פראגראמען. אנדערע אזוי-גערופענע צדקה קאסעס זענען אויסשליסליך שווינדלערייען וועלכע שפילן אויף די סימפאטיעס פון גוט-מיינענדע מענטשן וואס ווילן נאר העלפן א גוטן צוועק.

אט זענען געוויסע וועגן וויאזוי צו מאכן זיכער אז אייערע צדקה קאסע נדבות גייען דארט וואו איר ווילט עס זאל גיין.

- מאכט זיכער אז איר קענט די צדקה קאסע און איר פארשטייט אירע צילן און פראגראמען. בלאפער׳ס וועלן אפטמאל שלאגן קאפיטאל אויף די רעפוטאציע פון וואויל-באקאנטע צדקה קאסעס דורך עטוואס טוישן דעם נאמען.
- באשטעטיגט אז די צדקה קאסע איז רעגיסטרירט ביים אפיס פון די אטורני דזשענעראל, אזוי ווי עס פאדערט זיך לויטן געזעץ.
- ווערט געוואר וואס די צדקה קאסע וועט טוען מיט אייער געלט: וויפיל פון יעדע נדבה שטיצט אירע פראגראמען, גייט פאר אדמיניסטראטיווע אויסגאבן און ׳פאנדרעיזינג׳ (fundraising).
- מיידט אויס אזעלכע צדקה קאסעס וואס וועלן נישט ענטפערן אייערע פראגען אדער צושטעלן שריפטליכע אינפארמאציע איבער אירע פראגראמען און פינאנצן.

## ׳פאנדרעידינג׳ פאר געזעץ פארסירונג

זייט זייער פארזיכטיג בעפאר איר זענט מנדב פאר א געזעץ פארסירונג ארגאניזאציע דורך א ׳טעלעמארקעטער׳ (telemarketer).

פארבינדט זיך מיט אייער לאקאלע פאליציי אדער אנדערע אגענטור, צו זעהן אויב די אידענטיטעט פון די גרופע וואס בעט ביי אייך אייער נדבה. טוט באריכטן יעדן וואס גייט נאך געלט וועלכע נוצט צווינגענדע אדער פייניגונג טאקטיקן אדער וועלכער פארשפרעכט אייך אז אייער נדבה וועט אייך בארעכטיגן צו א בעסערע פאליציי באשיצונג.

# געבן א נדבה

- שטעלט זיך אקעגן דעם דרוק צו געבן א נדבה אויפן ארט. אויב איר באשטימט אז איר ווילט אויסהערן זייער בקשה, פרעגט ווי פיל פון אייער נדבה וועט גענוצט ווערן פאר צדקה צוועקן, און ווי פיל ווערט דער 'טעלעמארקעטער' באצאלט. זייט וואכזאם איבער אזעלכע וואס טענה'ן אז "די גאנצע סומע גייט פאר די צדקה".
- מיידט אויס אומגעבעטענע אימעילס. זיי זענען אפטמאל שווינדלערייען און אייער אנטווארט דערצו קען אייך מאכן אויסגעשטעלט צו פאלן א קרבן פון אידענטיטעט גניבה און פעלשעריי.
- נוצט פארזיכטיגקייט ווען איר זענט מנדב דורך טעקסט און סאציאלע מידיא. כאטש לעגיטימי צדקה קאסעס טוען אלס מער און מער באנוצן סאציאלע מידיא און טעקסטינג פאר נדבות, זאלט איר אבער זעהן צו זיין זיכער אז אייערע נדבות גייען פאר אנערקענטע און באקאנטע צדקה קאסעס.
- האלט א וואכזאם אויג אויף פאלשע 'אינוואויסעס' (invoices). שווינדלער'ס שיקן אפטמאל ארויס 'פארשפעטיגטע' ("overdue") סטעיטמענטס. באשטעטיגט אז איר האט טאקע געמאכט א צוזאג פאר די ארגאניזאציע, ווייל דאס קען זיין א שווינדל.
- גיבט קיינמאל נישט קיין קעש. די בעסטע זאך איז צו געבן אייער נדבה דורך א טשעק וואס איז אויסגעשטעלט דירעקט פאר די צדקה קאסע, אדער דורך א קרעדיט קארד.
- מערסטע וויכטיג! איר זאלט קיינמאל נישט ארויס געבן אייער סאשל סעקיוריטי נומער אדער אנדערע פערזענליכע אינפארמאציע אין אנטווארט צו איינעם וואס בעט ביי אייך צו געבן צדקה. איר זאלט קיינמאל נישט ארויס געבן קרעדיט קארד אינפארמאציע דורכ'ן טעלעפאן פאר אן ארגאניזאציע מיט וועלכן איר זענט נישט באקאנט.

### 36.9 צענט פון יעדן דאלאר

דאס איז די דורכשניטליכע סומע וואס קומט אן צו די צדקה קאסע ווען עס שאפט געלט דורך 'טעלעמארקעטינג' קאמפיינס. פילע צדקה קאסעס דורכאויס די סטעיט באקומען נאך ווייניגער – און טייל מאל טוען די צדקה קאסעס גאר פארלירן געלט דערויף. די אטוירני דזשענעראל'ס 'טשאריטי' וועב זייטל **charitiesnys.com** שטעלט צו אינפארמאציע איבער די 'פאנד רעיזינג' פירמעס וואס צדקה קאסעס נוצן, און וויפיל פון דאס געלט וואס זיי שאפן גייט טאקע פאר די צדקה קאסע.



# VI. איסנוצונג און נאכלעסיגונג פון זקנים

דאס איז א פראבלעם וואס באווירקט יעדע ראסע, רעליגיע, קולטור און פארדינסט. עס נעמט אריין אין זיך פיזישע, עמאציאנאלע און געשלעכטליכע 'אביוז' (abuse), ווי אויך נאכלעסיגונג. קיין איינער וויל נישט טראכטן אז זיי זענען אויסגעשטעלט דערצו, אבער עס איז וויכטיג צו וואוסן די ריזיקעס פון ווערן א קרבן.

## ריזיקע פאקטארן פאר קרבנות

- קראנקהייטן, 'קאגנעטיוו' (cognitive) שוואכקייט אדער דעמענציע
- סאציאלע איזאלאציע
- היסטאריע פון 'דאמעסטיק' געוואלדטאטן (domestic violence). (דאס איז ריכטיג סיי אויב דער עלטערער פערזאן איז געווען א קרבן פון געוואלדטאטן, אדער איז געווען אן 'אביוסיוו' (abusive) טאטע/מאמע אדער מאן/ווייב)
- וואוינען מיט אנדערע אראנזשירונג
- געוועב פון אנגעוויזענקייט

# קוקט אויף די פאלגענדע סימנים:

געוועגליך זענען פאראן סימנים – פיזישע, סאציאלע און פינאנציעלע – אז זאכן זענען פשוט נישט אין ארדענונג.

### פיזישע סימנים קענען זיין:

- אומאויפגעקלערטע וואונדן אזוי ווי ‹ברוזערס› (bruises) און ‹וועלטס› (welts), ספעציעל אויב זיי זענען אויףביידע זייטן פונעם קערפער, אזוי ווי איינער איז ווילדערהייט אנגעכאפט אדער אראפ געבינדן געווארן;
- צעבראכענע אויגן גלעזער;
- סימנים פון צו פיל אדער צו ווייניג מעדעצינען;
- אומגעווענליכע וואג פארלוסט;
- שמוציגע וואוינונג ‹ענווייראנמענטס›;
- שוואכע פערזענליכע היגעניע.

### פינאנציעלע סיגנאלן:

- פלוצים‹דיגע ענדערונגען אדער אין אלטן‹ס אדער דעם פארזארגער‹ס פינאנציעלער צושטאנד;
- זאכן פעלן פון די היים;
- אומבאצאלטע בילס וואס דער אלטער האט די מיטלען צו צאלן;
- אומכאראקטעריסטישע איינקויפונג אדער אויסגעבונג אויפפירונג.

### סאציאלע ענדערונגען אבאכט צו געבן:

- א געוועגליך ארויסגייענדיגע פערזאן זעהט אויס שרעקעדיג און צוריקגעהאלטן פון זיך אנקערן מיט פריינט;
- א צוריק געצויגענער אפעקט;
- זעלבסט חרוב מאכן אויפפירונג;
- עמאציאנאלע צרות.

### געטרויעט אייערע אינסטינקטן

אויסנוצערס ‘אביוזערס’ קענען זיין זייער געשולט אייך צו איבערצייגן אז איר זענט נישט גערעכט. אויב איר קלערט אז עס איז דא א פראבלעם, נעמט שריט דאס אפצושטעלן. טוט עס באריכטן.

## וואס קענט איר טאן?

- אויב איר מיינט אז איר זענט געפאלן א קרבן פון 'אביוז' (abuse), האט נישט קיין מורא און זייט נישט פארשעמט זיך צו באקלאגן. די סיטואציע וועט נאר ארגער ווערן אויב איר טוט גארנישט דערוועגן.
- רעדט זיך אדורך מיט עמיצן וועמען איר געטרויעט, אזוי ווי אן אנדערע פאמיליע מיטגלידער, א רב, באנק פארוואלטער, אדוואקאט, און ענליכעס. איר זענט נישט אליין.
- איר זאלט וואוסן וואסערע מיטלען עס שטייען גרייט איר זאלט עס קענען נוצן, אריין גערעכנט די אטוירני דזשענעראל'ס אפיס, די לאקאלע פאליציי, אייער באנק (אויב געלט איז ארויס גענומען געווארן פון אייערע אקאונטס), און 'עדאלט פראטעקטיוו סערוויסעס' (Adult Protective Services).
- בלייבט פארבינדן. געדענקט: איזאלאציע איז א גרויסע ריזיקע. רופט אייערע פריינט, שליסט זיך אן אין גרופעס, גייט באזוכן אייער פאמיליע.
- נעמט קאנטראל: קוקט זיך אום אויף מיטלען פאר זיך אליין און פאר אנדערע מענטשן. צומאל זענען 'אביוז' (abuse) און נאכלעסיגונג א רעזולטאט פון אומגעהויערע דרוק 'סטרעס' און איזאלאציע.
- אויב איר גיט עמיצן פארזארגונג (caregiver), מאכט זיכער אז איר האט די מיטלען און שטיצע וואס איר דארפט כדי צו טאן דעם דזשאב ווי עס דארף צו זיין, און אויב איר קענט א פארזארגער (caregiver), זייט וואכזאם איבער וואס זיי קענען ברויכן כדי יענעם ארויס צו העלפן דורכגיין געוויסע שווערע צייטן. עס זענען פאראן ארגאניזאציעס וואס שטעלן צו 'רעספייט קעיר' (respite care) און אנדערע סערוויסעס. אינטערסירט זיך איבער טרענירונג וואס קען אייך העלפן בעסער פארשטיין די זאכן מיט וועלכען איר זענט פארנומען. בלייבט פארבינדן מיט גוטע פריינט און פאמיליע, בויעט זיך אויף א נעטווארק פון שטיצע.

## 'אביוז' (abuse) דורך א פארזארגער – ריזיקע פאקטארן:

- א היסטאריע פון סובסטאנץ 'אביוז'
- עס פעלט שטיצע פון אנדערע פאטענציאנאלע פארזארגער
- דעפרעסיע (זייער אן אפטע ערשיינונג צווישן פארזארגער'ס)
- א געפיהל פון ווייניג באצאלט פארן פארזארגן דעם קרבן
- עס פעלט טרענירונג
- שוואכע ארבייט'ס אומשטענדן
- פארזארגער דערנידערט אדער סטראשעט דעם אלטן



# VII. ‘מעדיקעיד פראוד קאנטראל יוניט’

די ‘מעדיקעיד פראוד קאנטראל יוניט’ (MFCU) איז א וויכטיגער טייל פון די אטורני דזשענעראל’ס אפיס וועלכע צילט אויף גרויסצוגיקע שווינדלערייען וואס פארמישט איבער-רעכענען, ‘קיקבעקס’ (kickbacks), סוב-סטאנדארט מעדעצינען און מעדעצינישע מאשינעריע, און “מעדיקעיד מיללס” (“Medicaid mills”) וואס ווערט אנגעפירט דורך ארגאניזירטע קרימינאלקעס. עס טוט אויך באהיטן עלטערע און דיסעיבלד ניו יארקער איינוואוינער פון ‘אביוז’ (abuse) און נאכלעסיגונג אין נוירסינג היימען און אין אנדערע ‘העלטה קעיר פאסילעטיס’.

די MFCU איז די איינציגסטע געזעץ פארסירונג אגענטור אין די סטעיט וועלכע איז ספעציפיש געשטעלט אויף צו אויספארשן און אנקלאגן ‘אביוז’ (abuse) און נאכלעסיגונג וואס קומט פאר אין ‘רעזידענשל פעסיליטיס’ (residential facilities) , אזוי ווי למשל נוירסינג האומ’ס און ‘עדאלט האומ’ס, און אין שפיטעלער און קליניקס. דער פאקט איז אז די יוריסדיקציע פון MFCU גרייכט אזוי ווייט ווי אלע אזעלכע פעסיליטיס, אפגעזעהן דערפון צי די פאסילעטי באקומט באצאלט אונטערן מעדיקעיד פראגראם אדער בלויז אז דער פאציענט איז א מעדיקעיד קליענט.

די MFCU האט אפיסעס דורכאויס די סטעיט. איר קענט טרעפן קאנטאקט אינפארמאציע אין די מיטלען (resources) אפטיילונג ביי די ענדע פון דעם ביכעל. די רעגיאנאלע אפיסעס פון MFCU באהאנדלן פאציענט ‘אביוז’ (abuse) און נאכלעסיגונג קלאגעס, אריין גערעכנט אזעלכע וואס טוען מיסברויכן געלטער וואס באלאנגט פאר פאציענטן. צוליב די הויכע צאל ‘רעזידענשל קעיר פעסילעטיס’ (residential care facilities) וואס געפינען זיך אין ניו יארק סיטי, האט די MFCU געגרינדעט א ספעציעלע ‘פעישענט פראטעקשאן סעקשאן’ (Patient Protection Section) וואס באשטייט פון אדוואקאטן, אויספארשער, און נוירס אנאליסטן וועלכע טוען אויספארשן און אנקלאגן פאציענט ‘אביוז’ (abuse) און נאכלעסיגונג פעלער אין די פינף באראָ’ס.

# ליסטע פון רעכטן פאר נוירסינג האום רעזידענטן

אלע איינוואוינער פון נוירסינג האום'ס אין ניו יארק סטעיט האבן די רעכט צו:

- בכבוד'יגע, רעספעקטפולע און באקוועמע וואוינונג אטמאספער;
- קוואליטעט באזארגונג און באהאנדלונג אן קיין דיסקרימינאציע;
- פרייהייט פון באשליסן צו מאכן אייערע אייגענע און זעלבסטשטענדיגע באשלוסן;
- דאס אפהיטונג פון אייער פארמעגן און געלט;
- אפהיטונגען ביים איינשרייבן, טראנספער און אויסשרייבן;
- פריוואטקייט ביים קאמוניקירן;
- אנטייל נעמען אין ארגאניזאציעס און אקטיוויטעטן לויט אייער אויסוואהל;
- א גרינגע צום באנוץ און א 'רעספאנדינג' באקלאגעניש פראצעדור;
- נוצט אויס אלע אייערע רעכטן אן קיין מורא אז מען וועט זיך אפרעכענען.

### ***פארבינדט זיך מיט אונז***

אויב איר האט פראגעס אידער איר װאלט געװאלט איבער געבן א באריכט פאר די 'מעדיקעיד פראוד קאנטראל יוניט':

רופט די אטורני דזשענעראל'ס האטליין
(800) 771-7755

אדער גיט אריין אן אנקלאגע 'אנליין'
**ag.ny.gov/comments-mfcu**




# VIII. נעמט קאנטראל פון אייערע פינאנצן, אייער העלטה קעיר

עס זענען פאראן לעגאלע שריט וואס איר קענט נעמען צו פלאנירן פון פאראויס איבער אייערע פינאנצן און אייער העלטה קעיר. עס איז א גוטער געדאנק דאס אדורך צו רעדן מיט אן אדוואקאט, אקאונטענט, דאקטאר, און אייער פאמיליע און באליבטע.

## ‹פאוער אוו אטוירני› (Power of Attorney)

א **'פאוער אוו אטוירני'** קען נישט גענוצט ווערן צו מאכן מעדעצינישע באשלוסן אין אייער נאמען. עס זענען פאראן באזונדערע לעגאלע דאקומענטן, אזוי ווי למשל א 'העלטה קעיר פראקסי' (health care proxy), וואס איר מוזט נעמען אין באטראכט און אונטערשרייבן, כדי צו מאכן אזעלכע באשטימונגען.

א ‹פאוער אוו אטוירני› איז א וויכטיגער געצייג אין די פלאנירונג פון א צוקונפטיגע אומפעאיגקייט ‹אינקעפעסיטי› (incapacity) אדער דיסאביליטי וואס קען זיין דער רעזולטאט פון א קאטאסטראפישע עקסידענט, אלצהיימער'ס קרענקהייט אדער אן אנדערע ערנסטע קרענק. איין פערזאן, וואס איז באקאנט אלס דער «פרינציפאל», באשטימט איין אדער מערערע מענטשן, וואס זענען באקאנט אלס «אגענטן», צו קענען נעמען שריט אין נאמען פון, און יענער פארטרעט די אינטערעסן פון, דעם ‹פרינציפאל›.

אלס דער ‹פרינציפאל›, טוט איר באשטימען די מאס פון די ‹פאוער אוו אטוירני›: עס קען זיין באגרעניצט דערצו אז דער אגענט שרייבט אונטער טשעקס אין אייער נאמען, אדער גענוג ברייט צו ערלויבן דעם אגענט צו טאן כעמט אלסדינג וואס איר וואלט געקענט טאן. איר קענט אויך באשטימען מער ווי איין אגענט וועלכע זאלן קענען נעמען שריט אין פארשידענע אומשטענדן, אדער צו מאכן אז באשלוסן אינאיינעם. איר קענט אויך באשטימען א ‹מאניטאר› (monitor) וועלכער באקומט א רעקארד פון אלע טראנזאקציעס.

א וויכטיגע סיבה פארוואס מען זאל דאס טאן פון פאראויס איז כדי אז איר זאלט קענען אויסוועהלן דעם מענטש וואס זאל נעמען שריט אלס אייער אגענט. עס דארף זיין איינער וועמען איר געטרויעט אינגאנצן און וואס וועט אלעמאל נעמען שריט לויט אייערע בעסטע אינטערעסן. טראכט אריין צי דער מענטש וועמען איר טראכט צו באשטימען אלס אייער אגענט קען גוט האנדלן מיט געלט און מאכן שווערע באשלוסן, און צי זיי קענען זיך אדורך קומען מיט אנדערע מענטשן אין אייער פאמיליע. איר זאלט אויך איבער קוקן אייער אויסוואל פון צייט צו צייט, הויפטזעכליך צי דער מענטש וועמען איר באשטימט גייט דורך פערזענליכע ענדערונגען אדער א קריזיס, ווי למשל א גט, פארלוסט פון א דזשאב, אדער ‹געמבלינג› (gambling) אדער ‹סובסטאנץ אביוז› (substance abuse) אנגעלעגנהייטן.

עס איז וויכטיג צו געדענקן אז דאס איז אזא באשטימונג וואס זאל זיך פונקט אזויפיל ווענדן אין דעם פערזאן‹ס פעאיגקייטן ווי אין זייער נאענטקייט צו אייך. אפט מאל פאסירט אז די מענטשן וועמען מיר האבן ליעב און געטרויען, קענען מעגליך נישט זיין ‹רעלייעבל› (reliable) ווען עס קומט צו געלט, אדער זענען נישט גוט ארגאניזירט אפילו אין זייערע פערזענליכע אנגעלעגנהייטן. ממילא, קען זיין אז אזעלכע וואס אין געוויסע צייטן דורכאויס זייער לעבן וואלטן זיי געקענט זיין די בעסטע אגענטן, אבער האבן יעצט נישט די צייט אדער די מעגליכקייט זיך דאס אונטער צו נעמען פאר אייך. וועמען נאר איר באטראכט, מאכט זיכער אז איר ביידע ווייסט איבער וואס עס האנדלט זיך, און צי דער אויסוואהל איז טאקע די בעסטע פאר אלע באטרעפענדע.

פון די אנדערע זייט, אויב איינער וואס האט נישט אונטער געשריבן א ‹פאוער אוו אטורני› ווערט אומקאמפעטענט, וועט קיינער נישט קענען האבן צוטריט און פארוואלטן איבער זייערע פארמעגנס און פינאנצן אן דעם וואס יענער זאל מוזן גיין אין געריכט און אנהייבן א ‹גארדיענשיפ› (guardianship) פראצעדור. אזעלכע פראצעדורן קענען זיין זייער קאסטבאר, עס דויערט פיל צייט און עס איז אומ‹באַ‹טעמ‹ט, און דער מענטש וואס ווערט עווענטועל אויסגעקליבן דורכ‹ן געריכט צו דינען אלס ‹גארדיען›, קען זיין אז יענער איז נישט איינער וועמען דער מענטש וואלט אמאל אויסגעקליבן. א ‹גארדיענשיפ› (guardianship) פראצעדור קען אפט מאל פארמיטן ווערן בלויז דורכ‹ן האבן א פארטיגן ‹פאוער אוו אטורני›.

## פאראויס‹דיגע באהאנדלונג אנווייזונגען (Advance Care Directives)

אין ניו יארק סטעיט איז דער בעסטער וועג וויאזוי צו פארזיכערן אז אייער העלטה קעיר וואונטשן זענען באקאנט און ווערן אויסגעפאלגט, צו נוצן ‹פאראויס‹דיגע אנווייזונגען› (Advance Directives). זיי זענען לעגאלע דאקומענטן וואס וועלן רעדן אנשטאט אייך אין פאל איר זענט נישט פעאיג צו רעדן פאר זיך אליין.

***א ‹העלטה קעיר פראקסי› (Health Care Proxy)*** ערלויבט אייך צו באשטימען עמיצען צו מאכן באשלוסן וואס אנבאלאנגט דעם באנוץ פון באהאנדלונגען וועלכע פארלענגערן דאס לעבן ווען איר זענט נישט פעאיג צו מאכן אזעלכע באשלוסן. עס טרעט אריין אין קראפט נאר נאכדעם וואס א דאקטאר באשליסט אז איר זענט נישט פעאיג צו מאכן אייערע אייגענע באשלוסן. דאס דעקט סיי וועלכע צייט וואס איז זענט נישט פעאיג צו מאכן אייערע אייגענע מעדעצינישע באשלוסן, נישט בלויז ביים ענדע-פון-לעבן (end of life). אן א ‹העלטה קעיר פראקסי› (health care proxy), איז מעגליך אז א דאקטאר זאלן אייך מוזן צו שטעלן אזא באהאנדלונג וואס איר וואלט מעגליך צוריק געוויזן אויב איר וואלט געקענט. קיינער נישט – ניטאמאל אייער מאן אדער ווייב – קען נעמען שריט אין אייער נאמען אויסער אויב איר האט זיי באשטימט דערצו, נוצענדיג דערפאר א ‹העלטה קעיר פראקסי› (health care proxy).

קלויבט זיך אויס א העלטה קעיר אגענט ווען איר געטרויעט און ווען איר זענט קאנפידענט אז יענער וועט מוהטיגן מען זאל אייך געבן אייערע פארגעצויגענע באהאנדלונג, און וועט מאכן זיכער אז אייערע וואונטשן ווערן טאקע אויסגעפירט. איר זאלט אדורך רעדן די דאזיגע וואונטשן מיט אייער העלטה קעיר אגענט. רעדט אדורך אייערע פרינציפן און איבערצייגונגען. קיין איינער קען נישט פלאנירן אויף יעדן סארט סיטואציע. ווי מער אייער אגענט ווייסט, אלס גרינגער וועט עס זיין צו מאכן באשלוסן פאר אייך.

***די לעבעדיגע צוואה,*** ‹ליווינג וויל› (Living Will) איז אייער פערזענליכע ערקלערונג (statement) איבער וועלכע באהאנדלונג איר ווילט – אדער איר ווילט נישט – ביים ענדע-פון-לעבן (end of life). דאס איז א דאקומענט וואס אנטהאלט אייערע העלטה קעיר וואונטשן און עס איז אדרעסירט צו אן-א-נאמען פאמיליע, פריינט, שפיטעלער און אנדערע העלטה קעיר אנשטאלטן. עס טרעט אריין קראפט ווען איר זענט נישט פעאיג צו מאכן אייערע אייגענע באשלוסן, אדער איז זענט נישט פעאיג צו קאמוניקירן אייערע וואונטשן, און אייער דאקטאר באשטעטיגט אז איר האט אן אומהיילבארע צושטאנד וואס קען זיך נישט טוישן.

ניו יארק האט נישט קיין געזעץ וואס רעגירט לעבעדיגע צוואות ‹ליווינג ווילס› (living wills), אבער די סטעיט׳ס העכסטע געריכט האט געאורטיילט אז לעבעדיגע צוואות ‹ליווינג ווילס› (living wills) זענען גילטיג אבער נאר אזוי לאנג ווי עס שטעלט צו «קלארע און איבערצייגענדע» באווייז וואס אייערע וואונטשן זענען.

***די ‹באפעל נישט אויפצולעבן›, ‹דו נאט ריסעסיטעט ארדער› (Do Not Resuscitate Order (DNR)*** באפעלט פאר העלטה קעיר פארזארגער און עמוירדזשענסי ארבייטער נישט צו צו-שטעלן קיין באהאנדלונג וואס ראטעוועט דאס לעבן אויב א פאציענט׳ס הארץ אדער אטעמען שטעלט זיך אפ. עס טרעט אריין אין קראפט ווען עס איז אונטערגעשריבן דורך א דאקטאר. אין א שפיטאל, ווערט דער פארם צוגעשטעלט, עס ווערט אונטערגעשריבן דורך א דאקטאר, און עס ווערט געהאלטן אינעם פאציענט׳ס ‹טשארט›. עס קען מיט-גיין מיטן פאציענט צו אן אנדער שפיטאל.

אינדערויסן פון א שפיטאל, ווערט באנוצט די «נאן-האספיטאל ארדער נאט טו ריסעסיטעט» ("Nonhospital Order Not to Resuscitate") פארם וועלכע איז פראדוצירט געווארן דורך די ‹ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלטה›. עס קען ווערן געהאלטן אינעאיינעם מיטן פאציענט אין פאל פון אן עמוירדזשענסי. איר קענט אויך צו-לייגן די DNR אינטרוקציעס אינאיינעם מיט אייער ‹העלטה קעיר פראקסי› (Health Care Proxy) אדער ‹ליווינג וויל› (Living Will).

## פאר מער אינפארמאציע

די אטוירני דזשענעראל׳ס אפיס פראדוצירט א ביכעלע מיטן נאמען ‘עדוואנסד דיירעקטיווס’ (Advanced Directives). דאס שטעלט צו פילע דעטאלן איבער די אנגעלעגנהייטן, און עס קען זייער בייהילפיג אין א פלאנירונג פראצעדור, און ביי געשפרעכן מיט די פאמיליע.

***ag.ny.gov/advanced-directives***

## די ‹מאלסט› (MOLST) פארם

מעדעצינישע באפעלן וועגן לעבנס-פארלענגערן באהאנדלונג, ‹מעדיקל ארדערס פאר לייף סוסטעינינג טריטעמענט› (MOLST) ,(Medical Orders for Life Sustaining Treatment) פארם ערלויבט פאר דאקטוירים צו רעקארדירן אייערע פארצוגן וואס אנבאלאנגט ‹סי.פי.אר.› [קארדיאפולמאנארי ריסאסוטעישאן] (CPR), מעכאנישע אינטערווענץ, און אנדערע לעבנס-פארלענגערן באהאנדלונגען אויף איין פאָרם, אלס א באפעל פון א דאקטאר. די MOLST פארם איז געווענליך פאר פאציענטן מיט ערנסטע געזונטהייט צושטאנדן [‹עדוואנסד פראגרעסיוו כראניק אילנעס אר טוירמינל אילנעס› advanced (progressive chronic illness or terminal illness, און אנדערע וואס זענען אינטערסירט אין ווייטער ארויס שרייבן זייערע באהאנדלונג וואונטשן שטייענדיג ביים ענדע-פון-לעבן (end of life).

כדי עס זאל זיין גילטיג, מוז עס אויסגעפילט ווערן דורך א העלטה קעיר פראפעשאנעל און אונטערגעשריבן ווערן דורך א דאקטאר וואס באזיצט לייסענס פון ניו יארק סטעיט.

דער פארם קען העלפן צענטראליזירן און צושטעלן א קיצור פון פאראויס‹דיגע אנווייזונגען (advance directives) און ענדע-פון-לעבן (end-of-life) וואונטשן. עס איז אבער נישט געצילט צו ערזעצן אייער יעצטיגע ‹העלטה קעיר פראקסי› פארם און/אדער ‹ליווינג וויל›.

## ‹העלטה קעיר פראקסי› און ‹ליווינג וויל›: עס איז פאראן א חילוק

כאטש די ‹העלטה קעיר פראקסי› און ‹ליווינג וויל› זענעןביידע ‹פאראויס‹דיגע אנווייזונגען›, זענען זיי אבער נישט די זעלבע זאך. איר זאלט נעמען אין באטראכט צו האבן ביידע. די ‹ליווינג וויל› קען זיין א וויכטיגע געצייג פאר אייער העלטה קעיר אגענט: עס איז באווייז וואס אייערע וואונטשן זענען און עס קען צושטעלן פאר אייער אגענט אן אנווייזונג וואס זיי קענען דארפן האבן כדי צו מאכן שווערע באשלוסן.




# IX.מיטלען (Resources)

אגענטורן און אנדערע ארגאניזאציעס וואו איר קענט געפינען מער אינפארמאציע.

## אפיס פון די ניו יארק אטוירני דזשענעראל

**ag.ny.gov**

**(800) 771-7755**

### עקזאקוטיוו אפיסעס

The Capitol
Albany, NY 12224
(518) 776-2000

28 Liberty Street
New York, NY 10005
(212) 416-8000

# רעגיאנאלע אפיסעס

**ראטשעסטער רעגיאנאלער אפיס**
144 Exchange Boulevard, Suite 200
Rochester, NY 14614-2176
(585) 546-7430
Consumer Frauds: (585) 327-3240

**סעראקיוז רעגיאנאלער אפיס**
300 South State St, Suite 300
Syracuse, NY 13202
(315) 448-4800
Consumer Frauds: (315) 448-4848

**סופאלק רעגיאנאלער אפיס**
300 Motor Parkway, Suite 205
Hauppauge, NY 11788
(631) 231-2424
Consumer Frauds: (631) 231-2401

**יוטיקא רעגיאנאלער אפיס**
207 Genesee Street
Room 508
Utica, NY 13501
(315) 864-2000

**וואטערטאון רעגיאנאלער אפיס**
Dulles State Office Building
317 Washington Street
Watertown, NY 13601
(315) 523-6080

**וועסטשעסטער רעגיאנאלער אפיס**
44 South Broadway
White Plains, New York 10601
(914) 422-8755
Consumer Frauds: (914) 422-8755

**בינגהעמטאן רעגיאנאלער אפיס**
State Office Building, 17th Floor
44 Hawley Street
Binghamton, NY 13901
(607) 251-2770
Consumer Frauds: (607) 251-2764

**ברוקלין רעגיאנאלער אפיס**
55 Hanson Place Suite 1080
Brooklyn, NY 11217
(718) 560-2040

**באפעלאו רעגיאנאלער אפיס**
Main Place Tower, Suite 300A
350 Main Street
Buffalo, New York 14202
(716) 853-8400
Consumer Frauds: (716) 853-8404

**הארלעם רעגיאנאלער אפיס**
163 West 125th Street, Suite 1324
New York, N.Y. 10027
(212) 364-6010

**נעסאו רעגיאנאלער אפיס**
200 Old Country Road, Suite 240
Mineola, NY 11501
(516) 248-3302 or (516) 248-3300
Consumer Frauds: (516) 248-3300

**פלאטסבורג רעגיאנאלער אפיס**
43 Durkee Street, Suite 700
Plattsburgh, NY 12901
(518) 562-3288
Consumer Frauds: (518) 562-3282

**פוגקיפסי רעגיאנאלער אפיס**
One Civic Center Plaza - Suite 401
Poughkeepsie, NY 12601-3157
(845) 485-3900

## מעדיקעיד פראוד קאנטראל יוניטס

| | |
|---|---|
| אלבאני | (518) 533-6011 |
| ניו יארק סיטי | (212) 417-5300 |
| באפעלאו רעגיאנאלער אפיס | (716) 853-8500 |
| האופאוג רעגיאנאלער אפיס | (631) 952-6400 |
| פוירל ריווער רעגיאנאלער אפיס | (845) 732-7500 |
| ראטשעסטער רעגיאנאלער אפיס | (585) 262-2860 |
| סעראקיוז רעגיאנאלער אפיס | (315) 423-1104 |

## אנדערע רעגירונגס אגענטורן

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט או סטעיט דיוויזשאן פון קאנסומער באשיצונג: קאסטומער הילף יוניט NYS Department of State Division of Consumer Protection: Consumer Assistance Unit**

***dos.ny.gov/consumer-protection***
99 Washington Avenue
Albany, New York 12231-0001
קאנסומער הילף האטליין
(518) 474-8583 or
(800) 697-1220

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערע מענטשן**
**NYS Office for the Aging**

***aging.ny.gov***
2 Empire State Plaza
Albany, New York 12223-1251
(Help Line: (800) 342-9871
General Assistance: (800) 342-9871

**יו.עס. דעפ. און העלטה ענד היומען סערוויסעס, אדמיניסטרעישאן אן עיזשינג**
**U.S. Dept. of Health and Human Services Administration on Aging**

***acl.gov/about-acl/administration-aging***
Public Inquiries: (202) 401-4634
Eldercare Locator: (800) 677-1116

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און פייננשל סערוויסעס NYS Department of Financial Services**
(800) 342-3736 | dfs.ny.gov

**בעטער ביזנעס ביורא**
**Better Business Bureau**
***newyork.bbb.org***
***upstateny.bbb.org***

ניו יארק סיטי אפיס
(212) 533-6200
Fax: (212) 477-4912

לאנג איילאנד אפיס
(516) 420-0500
Fax: (516) 420-1095

מיד האדסאן אפיס
(914) 333-0550
Fax: (914) 333-7519

אפסטעיט ניו יארק
(716) 881-5222 or
(800) 828-5000
Fax: (716) 883-5349

# קרעדיט באריכט ביוראען

## עקספעריען

באשטעלט א קרעדיט באריכט און א 'סקאור' ........................................ (888) 397-3742

הילף מיט פעלשונג, אידענטיטעט גניבה און קרעדיט ........................................ (888) 397-3742

וועב זייטל ........................................ **experian.com**

## טראנסיוניאן

הויפט ליין ........................................ (800) 916-8800

וועב זייטל ........................................ **transunion.com**

'דיספיוט' וועב זייטל ........................................ **transunion.com/credit-disputes/dispute-your-credit**

שווינדל וועב זייטל ........................................ **transunion.com/fraud-alerts**

פרירונג וועב זייטל ........................................ **freeze.transunion.com**

טראנסיוניאן שווינדל קרבן הילף דעפארטמענט

TransUnion Fraud Victim Assistance Department

P.O. Box 6790 | Fullerton, CA 92834

## עקוויפאקס

וועב זייטל: ........................................ **equifax.com**

אומזיסטע קרעדיט באריכט ........................................ (800) 685-1111

אומזיסטע קרעדיט באריכט וועב זייטל ........................................ **equifax.com/fcra**

## אינאוויס

וועב זייטל ........................................ **innovis.com**

## פובליקאציעס

פובליקאצעס זענען דא צו באקומען פריי אן קיין אפצאל. איר קענט עס אויך באשטעלן אין גרעסערע קוואנטום׳ס פאר א גרופע מענטשן. אויסער אויף ענגליש, טוען מיר אנבאטן די פובליקאציעס אין עטליכע פארשידענע שפראכן. איר קענט לייענען און באשטעלן די פובליקאציעס ׳אנליין׳, דורך די פאסט, אדער דורך דעם פאקס. אט זענען עטליכע פובליקאציעס וואס איר קענט מעגליך זיין אינטערסירט דערין.

פאר א פולקאמע ליסטע פון פובליקאציעס ביטע באזוכט **[ag.ny.gov/publications](ag.ny.gov/publications)**

---

### קלוגע זקנים, קלוגע אינוועסטירער
**[ag.ny.gov/senior-investors](ag.ny.gov/senior-investors)**

עצות פאר עלטערע ערוואקסענע מענטשן איבער מאכן קלוגע אינוועסטמענטס און פארמיידן אינוועסטמענט שווינדלערייען.

---

### ׳דיעד׳ גניבה
**[ag.ny.gov/deed-theft](ag.ny.gov/deed-theft)**

עצות פאר עלטערע ערוואקסענע מענטשן איבער מאכן קלוגע אינוועסטמענטס און פארמיידן אינוועסטמענט שווינדלערייען.

---

### ׳פאראויס׳דיגע אנווייזונגען׳
**[ag.ny.gov/advanced-directives](ag.ny.gov/advanced-directives)**

אינפארמאציע איבער ׳פאראויס׳דיגע אנווייזונגען, פארוואלטן מיט יסורים, ׳האספייס׳ קעיר (hospice care), אברים נדבות, און נאך.

---

### יושר׳דיגע האוזינג
**[ag.ny.gov/fair-housing](ag.ny.gov/fair-housing)**

באהאנדלט געזעצן וואס אנבאלאנגט דיסקרימינאציע אין די רענטל, פארקויף אדער פינאנצירונג פון היימען.

---

### טענענט׳ס רעכטן
**[ag.ny.gov/tenantsrights](ag.ny.gov/tenantsrights)**

אן אויפקלערונג פון ׳ליעסעס׳ (leases), רענט, זיכערהייטס אנגעלעגנהייטן, יוטיליטי סערוויסעס, און פערזענליכע באשיצונגען פאר טענענטס.

---

### עכטע פראבלעמען איבער העלטה קעיר
**[ag.ny.gov/real-healthcare-problems](ag.ny.gov/real-healthcare-problems)**

אן אויפקלערונג ווי אזוי די אפיס פון די אטוירני דזשענעראל׳ס העלטה קעיר ביורא קען העלפן פאר ניו יארקער איינוואוינער.

## געשליפענע 'קאנסומער'

**ag.ny.gov/savvy-consumer**

א טייל עצות ווי אזוי צו מאכן קלוגע איינקויפונגען.

## פארציקענדע הלוואת

**ag.ny.gov/predatory-lending**

זאכן ארום דאס בארגן געלט, הויפטשעכליך פאר מארטגעדזשעס.

## העלטה און מעדעצין דיסקאונט קארדס

**ag.ny.gov/rx-discount**

דער בראשור גיט עצות ווי אזוי צו מאכן קלוגע איינקויפונגען ווען מען באטראכט העלטה דיסקאונטס.

## באשיצט זיך פון איי.די. גניבה, איי. די. גניבה זעקל:

**ag.ny.gov/id-theft**

וואס טוט מען אויב איר זענט געפאלן א קרבן: רעכטפארטיגע אנווייזונגען איבער די שריט וואס איר זאלט זאפארט נעמען אויב אייער אידענטיטעט איז גע'גנב'עט געווארן.

## איי.אר.עס. שווינדל

**ag.ny.gov/irs-scam**

דער בראשור אנטהאלט עצות ווי אזוי צו פארמיידן צו ווערן בא'שווינדל'ט דורך כיטערע בלאפער'ס וועלכע שטעלן אן א פנים ווי גלייך זיי פארטרעטן די 'אינטוירנל רעוועניו סערוויס' (IRS).

## אייניקלעך אקעגן די "זיידע/באבע שווינדלעריי"

**ag.ny.gov/grandparent-scheme**

דאס ביכל גיט עצות פאר אינגע מענטשן איבער קרימינאלן וואס באקליידן זיך אין אנדערע מענטשן'ס אידענטיטעט כדי צו בא'שווינדל'ן זיידעס און באבעס.

## 'מאלד' אין אייער היים

**ag.ny.gov/mold-in-home**

דער בראשור שטעלט צו עצות ווי אזוי צו באזייטיגן 'מאלד' (mold) פון אייער היים נאך א שטורעם און א פארפלייצונג.

## אפיס פון די ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל

## *לעטישע דזשעימס*

*ag.ny.gov*

*(800) 771-7755*